# נקמה!

## צוואתה של צפורה בירמן



צפורה בירמן, חניכת „החלוץ הצעיר" ברז'ישץ' היתה מן הפעילות בקיבוץ־ההכשרה „תל־חי" בביאליסטוק, בשעה שהעיר נכבשה ע"י הגרמנים. היא השתייכה לארגון הלוחם ונפלה במרד גיטו ביאליסטוק באוגוסט 1943. אחרי המלחמה נתגלו רשימותיה בארכיון המחתרת, שהיה טמון באדמה מחוץ לגיטו ביאליסטוק. בסיום מכתבה „לחברי היקרים באשר הם שם" מתאריך 1.3.43, הכתוב בדם לבה, היא מוסיפה את צוואתה, הניתנת בעמוד זה. המכתב המקורי בכתב ידה של צפורה בירמן, ביידיש, נמצא בארכיון „יד־ושם" בירושלים. בישראל חיים אחותה שושנה ואחיה אליהו.

צפורה בירמאַן פון „החלוץ הצעיר" אין ראַזשישטש איז געווען אין קיבוץ־הכשרה תל־חי אין ביאַליסטאָק, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט. זי איז געווען אַקטיוו אין העראָישן אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ און איז געפאַלן אין אויגוסט 1943. נאָך דער מלחמה האָט מען אויסגעגראָבן דעם באַהאַלטענעם אַרכיוו פון די אויפשטענדלער, אונטער דער שטאָט און צווישן אַנדערע שריפטן האָט מען געפונען דעם בריוו פון צפורה בירמאַן: „צו מיינע חברים, ווּ איר זענט", פון 1.3.1943. נאָך דער שוידערלעכער באַשרייבונג פונעם ביטערן קאַמף, שרייבט זי איר „צוואה", וואָס מיר גיבן דאָ איבער. דער אָריגינעלער בריוו אין צפורה בירמאַנס האַנטשריפט געפינט זיך אין אַרכיוו פון „יד־ושם" אין ירושלים. אין ישראל לעבן צפורהס שוועסטער שושנה און ברודער אליהו.

אין ברירה, אין דרך אחרת אלא למות בכבוד יחד עם כל האלפים ההולכים למוות, ובלא מורא ופחד.

יודעים אנו שהעם היהודי לא יכלה. הוא יגדל עוד ויפרח כעם. הוא יקום ועוד ינקום את נקמתו על דמו השפוך והחף מפשע.

כן, בזה פונה אני אליכם, חברים, באשר אתם שם. עליכם תוטל החובה הגמורה לנקום את נקמתנו. אל ישקוט שום אדם מכם, אַל יישן את שנתו ואַל ימצא מנוחה ביום. כשם שאנו חיים בצל המוות, כך אתם חיו באור הנקמה על הדם השפוך.

ארור קורא דברים אלה ודי לו באנחה וחוזר לאחריה לעבודתו היומיומית. ארור האדם שיהיה די לו בדמעות שיזיל ובבכי שיבכה את נשמותינו.

לא זאת אנו רוצים. אף להורינו לא בכינו. כבשנו דמעותינו והסתכלנו בדומיה בגוויות המתות של ידידים שנורו ככלבים.

אנו קוראים אתכם לנקמה, נקמה בלא רחמנות, בלא רגשות, בלא דברים על גרמנים „טובים". לגרמני „טוב" — מיתה קלה, יומת אחרון, כשם שהבטיחו ליהודי הטוב להם; זוהי דרישת כולנו, זה רצונם של האנשים שאפשר יפלו מחר, העומדים להילחם בכבוד וליפול בכבוד.

נקמה! לכך אנו קוראים אתכם, אתם שלא סבלתם בגיהינום של היטלר. דבר זה חייבים אתם לקיים, אפילו יהיו חייכם נתונים בסכנה. לא ינוחו בשלום עצמותינו המרוסקות בכל פינות אירופה, לא ישקוט האפר המפוזר של המשרפות, עד כי נקום תנקמו.

זיכרו וקיימו את רצוננו ואת חובתכם.

**צפורה בירמאַן**



פאַרפאַלן, דאָס איז אונדזער גורל, אָפּקומען די זינד פאַר אַלע פריערדיקע דורות, אַלעמען באַוויינט, נאָך אַלע געווייטיקט, דורכגעלעבט דאָס שוידערלעכסטע וואָס קען נאָר געבן אין דער געשיכטע.

געזעען, געהערט, געווייטיקט און שטום, אויך שטום בלייבן, אפילו צו קבר־ישראל נישט קומען, פאַרפאַלן. נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי שטאַרבן מיט אַ ווירדיקן טויט, צוזאַמען מיט אַלע טויזנטער וואָס גייען צום טויט, אָן מורא, אָן פחד. מיר ווייסן, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט נישט אונטערגיין. עס וועט נאָך צוריק אויפשטיין. עס וועט נאָך וואַקסן און אויך בליען ווי אַ פאָלק. עס וועט אויפשטיין און נאָך נקמה נעמען פאַר אונדזער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט.

יאָ, מיט דעם ווענדע איך זיך צו אייך חברים, ווּ איר זענט. אויף אייך וועט בלייבן די פולסטע אחריות נקמה צו נעמען. נישט רוען זאָל יעדער פון אייך, נישט שלאָפן ביינאַכט און נישט געפונען קיין רו בייטאָג, פונקט ווי מיר לעבן אין קעגנוואַרט פון טויט, אַזוי וועט איר לעבן אין ליכט פון נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט.

פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער וואָס וועט דאָס איבערליינען און זיך באַגנוגנען מיט אַ קרעכץ און דערנאָך זיך אומקערן צו דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער וואָס וועט זיך באַגנוגנען מיט גיסן טרערן און וויינען נאָך אונדזערע נשמות.

נישט דאָס ווילן מיר. אויך אונדזערע עלטערן האָבן מיר נישט באַוויינט. שטיל, פאַרשטיקט האָבן מיר געקוקט אויף די טויטע קערפּערס פון אונדזערע פריינט דערשאָסענע ווי הינט.

צו נקמה רופן מיר אייך. נקמה אָן רחמנות, אָן סענטימענטן, אָן „גוטע" דייטשן; אַ „גוטן" דייטש — אַ לייכטן טויט, דער לעצטער זאָל ער געטויט ווערן. פונקט ווי זיי האָבן די גוטע פאַר זיי יידן צוגעזאָגט: „דו וועסט דער לעצטער דערשאָסן ווערן".

דאָס איז אונדזער אַלעמענס פאַרלאַנג, דאָס איז דער באַגער פון מענטשן, וועלכע וועלן מאָרגן אפשר פאַלן, ווירדיק קעמפן און ווירדיק פאַלן.

נקמה! צו דעם רופן מיר אייך, נישט געליטענע פון היטלער־גיהינום. דאָס וועט איר מוזן דערפילן, אויך ווען אייער לעבן וועט אַפילו באַדראָט זיין.

נישט רוען וועלן אונדזערע צעשמעטערטע ביינער אין אַלע עקן פון אייראָפּע, נישט רוען וועט דאָס צעזייטע אַש פון די קרעמאַטאָריעס, ביז דער נקמה־אַקט וועט דורך אייך נישט אויסגעפירט ווערן.

געדענקט און פילט אויס אונדזער ווונטש און אייער פליכט!

**צפורה בירמן**